# PAPIROSSEN-פּאַפּיראָסן

Paroles : Hermann Jablokoff (1903-1981).

A kalte nakht a nepeldike,
fintster umetum.
Shteyt a yingele fartroyert
un kukt zikh arum.
Fun regn shitst im nor a vant,
A koshikl halt er in hant,
Un zayne oygen betn jedn shtum:

אַ קאַלטע נאַכט אַ נעפּלדיקע ,
פֿינסטער אומעטום,
שטייט אַ ייִנגעלע פֿאַרטרויערט
און קוקט זיך אַרום.
פֿון רעגן שיצט אים נאָר אַ וואַנט,
אַ קאָשיקל האַלט ער אין האַנט,
און זייַנע אויגן בעטן יעדן שטום.

Ikh hob shoyn nit keyn koyekh
mer arumtsugeyn in gas,
Hungerik and opgerisn,
fun dem regn nas.
Ikh shlep arum zikh fun baginen,
Keyner git nit zu fardinen
Ale lakhn makhn fun mir shpas.

איך האָב שוין ניט קיין כּוח מער
אַרומצוגיין אין גאַס.
הונגעריג און אָפּגעריסן
פֿון דעם רעגן נאס.
איך שלעפּ אַרום זיך פֿון באַגינען,
קיינער גיט נישט צו פֿאַרדינען,
אַלע לאַכן, מאַכן פֿון מיר שפּאַס.

Refrain :

Kupitye koyft zhe koyft zhe
papirosn,
Trukene fun regn nit fargosn
Koyft zhe, bilik benemones
Koyft un hot oyf mir rakhmones
Ratevet fun hunger mikh atsind
Kupitye koyft zhe,
shvebelakh antikn,
Dermit ver ir
a yosiml derkvikn
Umzist mayn shrayen un main
loyfn
Keyner vil bay mir nit koyfn ,
Oysgeyn vel ikh muzn vi a hunt

רעפֿרען

קופּיטיע קויפֿט זשע ,
קויפֿט זשע פּאַפּיראָסן,
טרוקענע פֿון רעגן נישט פֿאַרגאָסן.
קויפֿט זשע ביליק בנאמנות,
קויפֿט און האָט אויף מיר רחמנות,
ראַטעוועט פֿון הונגער מיך אַצינד.
קופּיטיע קויפֿט זשע
שוועבעלאַך אַנטיקן,
דערמיט ווערט איר
אַ יתומל דערקוויקן.
אומזיסט מייַן שרייַען און מייַן לויפֿן,
קיינער וויל בייַ מיר ניט קויפֿן,
אויסגיין וועל איך מוזן ווי אַ הונט.

Mayn tate in milkhome
hot farloyrn zayne hent ,
Mayn mame hot di tsores mer
oyshaltn nit gekent
Yung in keyver zi getribn
Bin ikh oyf der velt farblibn
Umgliklekh un elnt vi a shteyn
Breklekh klayb ikh oyf tsum esn
oyf dem altn mark
A harte bank is mayn geleger
in dem kaltn park
In dertsu di politsyantn
Shlogn mikh mit shvern, kantn,
S'helft nit mayn bet, mayn
geveyn

מײַן טאַטע אין מלחמה
האָט פֿאַרלוירן זײַנע הענט,
מײַן מאַמע האָט די צרות מער
אויסהאַלטן נישט געקענט.
יונג אין קבֿר זי געטריבן,
בין איך אויף דער וועלט פֿאַרבליבן,
אומגליקלעך און עלנט ווי אַ שטיין.
ברעקלעך קלײַב איך אויף צום עסן
אויף דעם קאַלטן מאַרק,
אַ האַרטע באַנק איז מײַן געלעגער
אין דעם קאַלטן פּאַרק.
און דערצו די פּאָליציִאַנטן,
שלאָגן מיך שווערן קאַנטן,
ס׳העלפֿט ניט מײַן בעטן, מײַן געוויין.

Refrain

רעפֿרען

Ikh hob gehat a shvesterl,
a kind fun der natur
Mit mir tsuzamen zikh geshlept
hot si a gantsn yor,
Mit ir geven is mir fil gringer
Laykhter vern flegt der hunger
ven ikh fleg a kuk ton nor oyf ir.
Mit a mol gevorn iz zi shvakh un
zeyer krank
Oyf mayne hent iz zi geshtorbn,
oyf a gasn bank.
Un az ikh hob zi farloyrn
Hob ikh alts shoyn ongevoyrn
zol der toyt shoyn kumen oykh
tsu mir !

איך האָב געהאַט אַ שוועסטערל,
אַ קינד פֿון דער נאַטור,
מיט מיר צוזאַמען זיך געשלעפּט
האָט זי אַ גאַנץ יאָר.
מיט איר געווען איז מיר פֿיל גרינגער,
לײַכטער ווערן פֿלעגט דער הונגער,
ווען איך פֿלעג אַ קוק טאָן נאָר אויף
איר.
מיטאַמאָל געוואָרן איז זי שוואַך און
זייער קראַנק,
אויף מײַנע הענט איז זי געשטאָרבן
אויף אַ גאַסנבאַנק.
און אַז איך האָב זי פֿאַרלוירן, האָב איך
אַלץ אָנגעווירן,
זאָל דער טויט שוין קומען אויך צו מיר!

# Cigarettes

La nuit est froide  et embrumée, et l’obscurité règne partout.
Un jeune homme triste regarde autour de lui
Seul un mur le protège de la pluie
Il tient un petit panier dans sa main
Et ses yeux implorent tout le monde en silence.

-« Je n’ai déjà plus la force d’aller dans la rue, affamé,
en haillons et trempé par la pluie.
Je me traine dès l’aube
Nul ne me donne de quoi vivre
Ils rient tous et se moquent de moi. »

Refrain
-« Achetez, achetez donc mes précieuses cigarettes
Elles sont sèches, la pluie ne les a pas mouillées.
Achetez et ayez pitié de moi
Et par la même sauvez moi de la faim
Achetez, achetez donc mes allumettes
Et vous ferez du bien à un orphelin
Mais crier et m’agiter ne servent à rien
Car personne ne veut rien m’acheter
Alors je mourrai comme un chien. »

-« Mon père a perdu ses mains à la guerre
Et ma mère ne put supporter ses tourments
Elle fut poussée jeune au tombeau
Et je suis resté seul au monde
Malheureux et seul comme une pierre
Je ramasse des miettes au vieux marché pour pouvoir survivre
Pour toute couche, un banc dur dans le parc froid.
Et de surcroît je subis les coups de bâton de la police,
que je supplie ou que je pleure ».

Refrain
-« J’avais une petite sœur, un don de la nature
Tous deux, nous nous vagabondions toute l’année
Ensemble tout était plus facile, et quand je posais mon regard sur elle,
La faim nous paraissait moins dure  à supporter.
Mais soudain, elle est devenue faible et très malade
Elle est morte dans mes bras, sur un banc, dans la rue.
Et quand je l'ai perdue, alors j'ai vraiment tout perdu.
Que la mort m’emporte à présent moi aussi ! »